תלמוד תורה יטב לב
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקודה"ק זי"ע
בני ברק
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
דרבינו יואל מסאטמאר

# נייעס באריכטן

מכינה ב' | המלמדים: הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

| כ"ח חשון תשע"ב | תולדות | גליון מס' 4 |
| --- | --- | --- |


# ארייגעארבעט אין קינדער איבער די ענין פון איידלקייט וואס מ'לערנט ארויס פון די פרשה

מיר האבן ארומגערעדט איבער די ענין וואס מ'לערנט ארויס פון די פרשה, אז מ'דארף זיין איידל, נישט אזוי ווי עשו האט זיך אויפגעפירט, נישט געקישט קיין מזוזה, נישט געגריסט, נישט געמאכט קיין ברכה, נאר פארקערט, מ'דרף זיין ערליך און איידל, גריסן שיין, קישן די מזוזה, א.א.וו.

מיר האבן ספעציעל ארויס געברענגט די נושא פון מזוזה וואס דאס איז א שמירה פאר יעדן איינעם אין אלע זיינע וועגן.

מיר האבן געמאכט מיט די קינדער במשך די וואך יעדן טאג א פארשטעלונג, מ'איז אריין אין כיתה און ארויס און געקישט די מזוזה, און נאכאמאל קישן, אזוי אז די קינדער זאלן זיך צוגעוואוינען צו קישן די מזוזה.

מ'האט געזינגען א עקסטערע ניגון ווי מ'זעהט שוין ביי די שבת צעטל וואס מיר שיקן אהיים

* * *

אזוי אויך האבן מיר ערקלערט פאר די קינדער אז מ'דארף אכטונג געבן צו מאכן ברכות און בענטשן ערליך נאכ'ן עסן, און דאס לערנט מען אויך ארויס פון די פרשה, עשו האט געגעסן און האט זיך געוואשן, נישט געמאכט א ברכה, און נישט געבענטשט.

ביי אונז געבט מען אכטונג אויף די אלע דריי זאכן, מיר וואשן זיך יעדן טאג פאר'ן עסן, מ'מאכט ערליך א ברכה, און נאך הפסקה בענטשן מיר מיט די קינדער "הזן את העולם", "ובנה ירושלים", און אזוי אויך זאגן מיר מיט די קינדער די ברכה פון "בורא נפשות".

**⇐ נאכ'ן בענטשן חזר'ן מיר יעדן טאג מיט די קינדער די סדר הברכות, יעדע זאך וואס פאר א ברכה מ'מאכט:**

**⇐ מ'מאכט א ברכה "ברוך אתה" און נישט "ברוכאתה", אזוי אויך "מלך העולם" און נישט "מלכעולם".**

**⇐ אויף ברוט, חלה, בילקעלעך, מצות, זאגט מען "המוציא לחם מן הארץ" און נישט "מן ארץ"**

**⇐ אויף קיפעלעך, רוגעלעך, בורקס, וופלות, בייגעלעך מאכט מען "בורא מיני מזונות".**

**⇐ אויף פירות וואס ס'וואקסט אויף א בוים ווי צ.ב.ש. עפל, מאראנצן, קלמנטינה, טרויבן, משמש, רמון מאכט מען "בורא פרי העץ".**

**⇐ אויף זאכן וואס ס'וואקסט אויף די ערד ווי צ.ב.ש. תירס, בננה, טאמאטע, איגערקע, תותים מאכט מען "בורא פרי האדמה".**

**⇐ אויף זאכן וואס ס'וואקסט נישט ווי צ.ב.ש. פיש, פלייש,קעז, אייער, שוקולד, צוקער, אדער טרינקען וואסער, קולה, מיץ מאכט מען "שהכל נהיה בדברו".**

**⇐ ווייַן מאכט מען "בורא פרי הגפן".**

**⇐ אויף בשמים מאכט מען "בורא מיני בשמים".**

**⇐ און אויף הבדלה ליכט מאכט מען "בורא מאורי האש.**

**⇐ אויף נייע פירות מאכט מען נאך א ברכה "שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה".**

די נוסח זאגן מיר נאך מיט די קינדער לויט ווי עס איז געזאגט געווארן דורך דעם לאנג יעריגער מלמד הרה"ח ר' צבי אלימלך געלבמאן ז"ל

מיר האבן בילדער אויף די וואנט וואס לויט דעם ווייזן מיר פאר די קינדער וואספארא ברכה מ'מאכט אויף יעדע זאך.

* * *

אזוי אויך האבן מיר ממחיש געווען אלע אנדערע זאכן פון די פרשה, מיר האבן גענומען צוויי קינדער און געלייגט אויף צוויי זייטן אזוי ווי יצחק און רבקה זענען געשטאנען יצחק אויף איין זייט און רבקה אויף די אנדערע זייט און זיי האבן מתפלל געווען אויף קינדער.

מיר האבן איבער געשפילט מיט די קינדער ווי אזוי יצחק האט נישט געקענט זעהן און א יונגל **חיים אלעזר ווייס נ"י** איז געווען יעקב און איז אריינגעקומען און דער רבי האט אים אנגעכאפט זיין האנט מיט פארמאכטע אויגן, צו קוקן אויב ער איז יעקב אדער עשו. די קינדער האבן זייער הנאה געהאט פון די פארשטעלונג.




**ברענגען 100 ₪ פאר די הוצאות פון די ווינטער זמן**